# קרח ב

א. פרשת קרח לייענט מען בכמה שנים אין דער וואָך פון ג' תמוז (צי אין דעם טאָג גופא אָדער עכ"פ ב־סמיכות צו אים) — דאָס איז דער טאָג [1] ווען יהושע האָט געזאָגט „שמש בגבעון דום" [2] — וואָס דאָס איז געווען פון די גרעסטע ניסים וואָס האָבן וועז עס איז פּאַסירט, און ווי דער פסוק זאָגט „ולא הי' כיום ההוא לפניו ואחריו גו'" [3]; און מיט פיל יאָרן שפּעטער (בשנת תרפ"ז) איז אין דעם זעלבן טאָג באַפרייט געוואָרן דער רבי פון תפיסה [4] — וואָס אויך דעם רבי'נס באַפרייאונג איז איינער פון די ניסים הכי גלויים וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אונזער דור.

וויבאַלד אַז דער נס השיחרור מה־תפיסה פון רבי'ן — איז בהשגחה עליונה אָפּגעשטעלט געוואָרן אויפ'ן טאָג פון דעם נס פון „שמש בגבעון דום" — האָט עס מסתמא אַ שייכות צו עם. אין אַ חסיד'ישען סגנון: וויבאַלד אַז די ביידע ניסים זיינען געווען אין דעם זעלבן טאָג, איז עס אַ באַוויזז [5] אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ שייכות*[5].

און ע"פ הידוע [6], אַז אַלע מועדים זיינען מרומז אין די פּרשיות וועלכע מען לייענט אין דעם באַטרעפנדן זמן, איז פאַרשטאַנדיק, אַז אָט די צוויי ניסים „שמש בגבעון דום" און די באַפרייאונג פון רבי'ן — קען מען אויך ביידן געפינען רמזים וכו' אין פ' קרח.

ב. שוין גערעדט פיל מאָל בנוגע די „ג"ן סדרים דאורייתא", אַז יעדער סדרה האָט אין זיך אַ נקודה מיוחדת, וועלכע „נעמט דורך" אַלע אירע פּר־שיות און פסוקים. [און אַז די נקודה וועלכע איז דער בריח המבריח פון אַלע פסוקים פון דער סדרה, איז מרו־מז אין דעם נאָמען פון דער סדרה [7], וואָרום דער נאָמען — בלה"ק (ובכלל — דער נאָמען ע"פ תורה) פון יעדער ענין ווייזט [8] אויף זיין תוכן].

דערפון פאַרשטייען מיר אַז די שיי־כות צווישן אַלע פּרשיות פון איין סדרה [כולל אויך צווישן דער ערשטער פּרשה און דער לעצטער — כאָטש אַז כמה פּרשיות זיינען מפסיק צווישן זיי], איז אַ פיל גרעסערע ווי די שיי־כות צווישן דעם סיום פון איין סדרה און דער התחלת סדרה שלאחרי' — אע"פ אַז זיי שטייען בסמיכות זל"ז וואָס באַווייזט אויף אַ שייכות צווישן זיי — וואָרום וויבאַלד אַז זיי זיינען געטיילט אין צוויי באַזונדערע סדרות, איז אַ ראַי' אַז אין זיי זיינען צוויי באַזונדערע נקודות.

1) סדר עולם רבה פי"א.

2) יהושע י, יב.

3) שם, יד.

4) פרשת המאסר והגאולה — ראה לקו"ד ח"ד ליקוט לד־לז.

5) להעיר ממרז"ל (תענית כט, א. וש"נ) מגלגלין זכות ליום זכאי. עיי"ש. וראה לעיל ע' 22.

*5) ראה גם לקו"ש חכ"ח ע' 260 ואילך. ועוד.

6) של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב.

7) ראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 57. ועוד.

8) ראה שעהיוה"א פ"א. וראה בארוכה לקו"ש ח"ו ע' 35 ואילך ובהערות שם.

[ביז אַז לפעמים איז די שייכות צווישן התחלת סדרה מיטן סיום ה־סדרה שלפני׳ — אין אַ שלילה׳דיקן אופן. אַזוי ווי, למשל, די שייכות פון „פ׳ מרגלים״ (תחלת שלח) מיט „פ׳ מרים״ (סיום בהעלותך) וואָס זייער שייכות באַשטייט אין דעם וואָס די מרגלים האָבן געזען ווי מרים „לקתה על עסקי דיבה״ און פונדעסטוועגן איז „לא לקחו מוסר״ [9]].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק בנוגע די פרשיות פון אונזער סדרה, אַז די שייכות פון פרשת „ואני נתתי לך את משמרת תרומתי״ [10] (וואָס רעדט וועגן מתנות כהונה) צו דער פרשה פון מחלוקת קרח באַשטייט ניט בלויז אין דעם וואָס די כ״ד מתנות כהונה זיינען געקומען דורך דעם וואָס „בא קרח וערער על הכהונה״ [11], נאָר אַז די כ״ד מתנות כהונה זיינען שייך צו מחלוקת קרח גופא, וואָס דעריבער איז אויך די פרשה פון כ״ד מתנות כהונה אַ טייל פון דער סדרה וואָס ווערט גערופן מיטן נאָמען „קרח״.

דאַרף מען פאַרשטיין: דער ענין פון קרח איז דאָך דאָס קריגן זיך און זיין אַנטקעגן כהונת אהרן, אין קעגנ־זאַץ צום ענין פון כ״ד מתנות כהונה וואָס איז דער „כותב וחותם ומעלה בערכאין״ [11] פון כהונת אהרן, היינט ווי קען מען זאָגן אַז אין די צוויי הפכים איז די זעלבע נקודה, ביז אַז אויך די פרשה פון מתנות כהונה ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען „קרח״?

ג. נאָך אַן ענין איז ניט פאַרשטאַנ־דיק בנוגע דעם נאָמען פון דער סד־רה: אויפן פסוק „ושם רשעים יר־קב״ [12] זאָגט די גמרא [13] „רקביבות תעלה בשמותן דלא מסקינן בשמייהו״. וואָס פון דעם איז פאַרשטאַנדיק במ־כ״ש, אַז מען זאָל ניט אָנרופן אַ (ספר צי אַ) סדרה אין תורה מיטן נאָמען פון אַ רשע, וואָרום דורך דעם פאַר־אייביקט מען זיין נאָמען, אַ סך מער ווי מיטן אָנרופן אַ מענטשן „בשמיי־הו״, היות אַז תורה איז דאָך נצחית.

ועפ״ז איז שווער: קרח איז דאָך געווען אַ רשע וואָס האָט ניט תשובה געטאָן (און בלויז בניו האָבן תשובה געטאָן [14]), איז ווי קומט עס אַז אַ סדרה בתורה זאָל גערופן ווערן על שמו?

דערצו: נוסף לזה וואָס אויף אַלע רשעים שטייט „דלא מסקינן בשמיי־הו״, אפילו די וואָס האָבן אַ „גלאַטן״ נאָמען — דאָ אָבער ווייזט דער נאָמען גופא (קרח מלשון „קרחה״ [15]) אויף פילוג און מחלוקת [16].

איז דאָך לפי״ז נאָך מער תמוה וואָס אַ סדרה אין תורה הייסט מיטן נאָמען קרח: כל התורה (כולל אויך פ׳ קרח)

---

9) רש״י ר״פ שלח (מבמדב״ר פט״ז, ו. תנחומא שלח ה).
ועד״ז הוא גם בנוגע להסמיכות ד„ויקח קרח״ לפ׳ ציצית (במדב״ר פי״ח, ג. תנ־חומא פרשתנו ב) שקרח חלק על הציצית.
10) פרשתנו יח, ח.
11) ספרי ורש״י שם.

12) משלי י, ז.
13) יומא לח, ב.
14) רש״י פרשתנו טז, ז. פנחס כו, יא. וראה גם סנה׳ קי, סע״א.
15) סנה׳ קט, ב.
16) ראה ילקו״ש ראה רמז תתצא: לא תתגודדו לא תשימו אגודות אגודות ותהיו חלוקין אלו על אלו שלא תשימו קרחה בכם כשם שעשה קרח שחלק לישראל ועשאן אגודות אגודות כו׳. וראה גם פנים יפות כאן, שקרח (בצירוף רע) בגימטריא מחלוקת.

איז דאָך „ניתנה לעשות שלום בעו־לם" [17], איז ווי קומט עס אַז אַ סדרה בתורה זאָל געררופן ווערן קרח מלשון קרחה — מחלוקת?

ד. אויך אין דעם עצם ענין פון מחלוקת קרח ועדתו איז ניט פאַר־שטאַנדיק, וואָס זייער טענה אויף כהו־נת אהרן איז געווען „כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה' ומדוע תת־נשאו על קהל ה'" [18].

ולכאורה: אויך קרח ועדתו האָבן געוואָלט ווערן כהנים [ווי ס'איז מובן פון משה רבינו'ס ענטפער „ובקשתם גם כהונה" [19]], היינט ווי האָבן זיי גע־טענה'ט „ומדוע תתנשאו גו'" וואָס איז שולל דעם ענין פון התנשאות בכלל?

בנוגע צו עדת קרח, קען מען נאָך ענטפערן, אַז מיט זייער טענה „ומדוע תתנשאו" האָבן זיי געמיינט [ניט צו מבטל זיין דעם ענין פון התנשאות בכלל [20], נאָר] זיי האָבן געוואָלט בלויז שולל זיין אַזאַ סאָרט התנשאות, ווי די התנשאות פון (משה רבינו און) אהרן, וואָס ער איז געווען דער איינ־ציקער כהן גדול. און דעריבער איז די טענה „ומדוע תתנשאו" ניט גע־ווען קיין סתירה צו „ובקשתם גם כהונה", אַז עס זאָלן זיין אַ סך כהנים גדולים.

אָבער בנוגע צו קרח'ן גופא, איז ניט מובן: ער האָט דאָך געמיינט, אַז ער וועט בלייבן דער איינציקער כהן גדול [21], איז דאָך די טענה „ומדוע תתנשאו" דאָ אויך לגבי עם?

ה. דעם ביאור בכל זה, וועט מען פאַרשטיין בהקדם וואָס עס שטייט אין ספר נועם אלימלך [22] אויף „ואתפלג קרח" (דער תרגום פון „ויקח קרח") אַז דאָס איז ע"ד ווי דער רקיע המב־דיל בין מים למים.

וואָס איז די שייכות פון רקיע המב־דיל גו' מיט דער מחלוקת פון קרח אויף כהונת אהרן?

איז איינער פון די ביאורים אין דעם:

די הבדלה צווישן כהנים און אַלע אַנדערע אידן באַשטייט אין דעם, וואָס כהנים זיינען אָפּגעשיידט פון עניני עולם הזה און פאַרנעמען זיך בלויז מיט הייליקע זאַכן. ובפרט אַ כהן גדול (וואָס אויף אים איז געווען עיקר מח־לוקת קרח) וואָס ביי אים שטייט [23] „ומן המקדש לא יצא".

אָבער צוזאַמען דערמיט וואָס אַ כהן, ובפרט אַ כהן גדול, איז מובדל פון אַלע אידן, זיינען זיי ממשיך און משפיע פון זייער כהונה צו אַלע אידן. און ווי ס'שטייט אין לקו"ת אויפן פסוק „בהעלותך את הנרות" [24], אַז

---

17) רמב"ם סוף הל' חנוכה. וראה גיטין נט, ב. ובספרי (ו, כו): וישם לך שלום כו' ד"א זה שלום תורה שנאמר ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום. וראה לקמן ע' 349 ואילך.

18) פרשתנו טז, ג.

19) שם, יו"ד.

20) שהרי גם הם היו „נשיאי עדה".

21) ראה רש"י טז, ז (מבמדב"ר פי"ח, ח. תנחומא פרשתנו ה): שכולם אובדים ואחד נמלט . . טעה ותלה בעצמו.

22) הובא (ונתבאר) באוה"ת קרח ע' תרצז. תשכג. ד"ה כל פטר רחם תרכ"ז. ועוד. (והוא ע"פ זח"א יז, א ואילך — הובא גם בצרור המור כאן). וראה גם לעיל ע' 105 ואילך. לקו"ש ח"ח ע' 219 ואילך.

23) אמור כא, יב. וראה רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ה ה"ז. הל' ביאת המקדש פ"א ה"י.

24) הובא גם (בקצרה) בלקו"ת פרשתנו נד, סע"א לענין „מחלוקת קרח וטעותו". ושם, שזהו ענין „דיקנא דכהנא רבא", כי ה„אהבה רבה"

דורכן אַנצינדן די נרות המנורה, האָט אהרן „אויפגעהויבן" אַלע אידן צו זיין דרגא — ער האָט אין זיי אַריינגעגעבן די מדרגה פון „אהבה רבה" (וואָס איז העכער פון „אהבת עולם"[25]), די בחינה פון אהרן.

און אויף דעם האָט קרח גע'טענה'ט, אַז כשם ווי ס'איז דאָ אַ מעלה אין כהנים דערמיט וואָס זיי זיינען מובדל פון עניני העולם, אַזוי איז אויך דאָ אַ מעלה אין „כל העדה" וואָס פאַרנעמען זיך מיט עניני העולם און מען מאַכט פון זיי כלים צו אלקות [ואדרבה: דער עיקר כוונה איז — אַז מען זאָל מאַכן די „תחתונים" פאַר אַ דירה לו ית'], און וויבאַלד אַז „כל העדה כולם קדושים ובתוכם הוי'", די המשכה פון שם הוי', שם העצם[26], איז „בתוכם", דורך דער עבודה פון „כל העדה" וואָס זיי מאַכן די וועלט פאַר אַ דירה צום אויבערשטן — איז „מדוע תתנשאו על קהל ה'", פאַרוואָס זאָל (משה און) אהרן זיך מתנשא זיין, זיך גרויסהאַלטן לגבי קהל הוי' ווייל זיי גיבן אין זיי אַריין פון זייער (אהרן'ס) הויכקייט.

און דעריבער איז די טענה „ומדוע תתנשאו" ניט געווען בסתירה צו „ובקשתם גם כהונה", ווייל זיי האָבן געוואָלט אַזאַ סאָרט כהונה וואָס האָט ניט קיין חיבור מיט „כל העדה"[27].

און דאָס איז די שייכות פון „ואתפלג קרח" מיטן „רקיע המבדיל בין מים למים", ווייל דער ענין פון רקיע איז געווען אָפּצוטיילן די (מים ה)עליונים פון די (מים ה)תחתונים, אַז די „עליונים" און „תחתונים" זאָלן זיין אָפּגעטיילט און ניט האָבן קיין חיבור צווישן זיך.

ו. אין וואָס איז באַשטאַנען קרח'ס טעות? — איז דאָס פאַרשטאַנדיק פון דעם רקיע המבדיל גופא:

דערויף וואָס ביום השני שטייט ניט „כי טוב" זאָגן חז"ל דעם טעם, ווייל „בו נבראת מחלוקת"[28] — די „מחלוקת" און מחיצה צווישן די מים העליונים און מים התחתונים. ואעפ"כ איז ביום השלישי „הוכפל בו כי טוב", „אחד למלאכת המים ואחד למלאכתו של יום"[29] — ווייל דאַן, ביום השלישי, איז נתברר (און נזדכך) געוואָרן די מחיצה וואָס איז באַשאַפן געוואָרן ביום השני[30].

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז כאָטש עס דאַרף טאַקע זיין אַ מחיצה

---

שמבחי' „ורב חסד", „להיותו מלמעלה מסדר ההשתלשלות, על כן אי אפשר להיות נמשך כ"א ע"י בחי' שערות דוקא". ע"ש בארוכה.

25) ראה ברכות (יא, ב) ובמפרשים ופוסקים לשם. פע"ח ש' הק"ש פ"ג.

26) כ"מ להל' ע"ז פ"ב ה"ז. וראה פרדס שער יט בתחלתו.

27) ועפ"ז יובן מה שלא חלק קרח על הציווי „והעבירו תער על כל בשרם" (בהעלותך ח, ז)* — אף שזה הי' סיבת המחלוקת שלו (ראה במדב"ר פי"ח, ד. וראה גם סנה' קי, א) — כי ענין השערות הוא בכדי שעל ידם יהי' החיבור והמשכת הקדושה דכהנים לישראל (כנ"ל הערה 24), וקרח לא רצה בחיבור זה, ולכן רצה להיות כה"ג כמו שהוא „קרח", בלי שערות.

28) ב"ר פ"ד, ו. וראה גם זח"א מו, א.

29) ב"ר שם. רש"י בראשית א, ז.

30) אוה"ת בראשית לד סע"א. ד"ה כל פטר רחם שם (ע' שכב). וראה גם זהר שם.

---

*) בפשטות הי' אפ"ל שבכלל מחלקותו על הכהונה, שיהי' הוא הכהן, הרי במילא לא יצטרך להעביר תער על בשרו. אבל ראה לקו"ת פרשתנו נד, ב: „ולכן יוכל הוא ג"כ להיות כה"ג, אע"פ שבלויים א"א להיות המשכת קדושה עליונה מבחי' שערות".

צווישן עליונים און תחתונים, וואָס דערפאַר האָט דער אויבערשטער באַ־שאַפן דעם „רקיע המבדיל", איז אָבער דער „טוב", דער תכלית ושלימות פון דער מחיצה — דוקא דאַן, ווען טראָץ זייער איינטיילונג אין צוויי באַזונדערע סוגים „עליונים" און „תחתונים", איז פאַראַן אַ חיבור צווישן זיי.

[ובדוגמת מתן תורה — וואָס איז געווען באלף השלישי (כנגד דעם יום השלישי פון מעשה בראשית[31]) — וואָס ענינו איז, אַז טראָץ דער הבדלה אין די צוויי סוגים „עליונים" און „תחתונים", איז „התחתונים יעלו ל־עליונים והעליונים ירדו לתחתונים"[32]].

און עד"ז איז אויך בנוגע צו אידן, אַז אע"פ וואָס צווישן אידן זיינען פאַראַן פאַרשידענע סוגים: אידן וואָס זייער עבודה איז אָפּגעבן זיך נאָר מיט ענינים פון קדושה, בדוגמת אַ כהן גדול וואָס „ומן המקדש לא יצא", און פאַראַן אידן וואָס זייער אַרבעט איז בעיקר צו מברר זיין ענינים פון וועלט דורך דער עבודה פון „וכל מעשיך יהיו לשם שמים"[33], אָדער „בכל דרכיך דעהו"[34]

איז אָבער אעפ"כ, דאַרפן די „כה־נים" משפיע זיין פון זייער קדושה אויך צו אַנדערע אידן — „העליונים ירדו לתחתונים", און דורך דעם פועל'ן ביי אַלע דעם „בהעלותך את הנרות" — „התחתונים יעלו לעליונים", אַרויס־רופן ביי זיי די אהבה און תשוקה צו ווערן „כהנים", אַז אויך זיי זאָלן, אין געוויסע שעות עכ"פ, זיין אָפּגע־זונדערט פון עניני העולם און זיך עוסק זיין בתורה ווי יושבי אוהל[35].

ז. כשם ווי די כוונה אין דער הת־הוות פון רקיע המבדיל איז געווען בכדי אַז דערנאָך, ביום השלישי, זאָל ער צוברענגען צום תכלית העילוי — חיבור עליונים ותחתונים (וואָס דערפאַר שטייט שפּעטער „כי טוב" אויך אויף דער התהוות פון דעם רקיע גופא),

עד"ז איז אויך בנוגע צו „ואת־פלג קרח" וואָס איז ע"ד ווי דער „רקיע המבדיל": דער טעם וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט עס זאָל זיין די מחלוקת קרח אויף כהונה, איז בכדי[36] אַז דערנאָך זאָל זי צוברענגען צו דער נתינה פון כ"ד מתנות (פון בנ"י ועניניהם — צו) כהונה בברית מלח עולם. דאָס מיינט, אַז דער חיבור

31) רמב"ן ובחיי בראשית ב, ג.
32) שמו"ר פי"ב, ג. תנחומא וארא טו.
33) אבות פ"ב מי"ב.
34) משלי ג, ו.

35) וכהוראת חז"ל (אבות פ"ד* מ"י) „הוי ממעט בעסק ועסוק בתורה" — שגם הבעל עסק צריך [לא רק „לקבוע עתים לת"ת ביום ובלילה כפי כחו ויכלתו" (הל' ת"ת לאדה"ז פ"ג ה"ד) אלא שצריך גם] למעט בעסקו ולעסוק בתורה (ראה לקו"ש ח"ז ע' 176־7; ע' 187. וראה לעיל ע' 113) וכמו שדובר בשיחת ט"ו בשבט (תשל"א — נד־פסה בלקו"ש ח"ו ע' 312) שגם הבעלי עסק צריכים „לגזול" משעות העסק ולנצלם ללי־מוד התורה. וראה בארוכה שיחת חגה"ש שנה זו (תשל"א).

36) ראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 65־6 ובהערות שם, שגם הירידות שבעולם הנעשים ע"י חטאים — מכיון שהם „ע"פ ההשגחה העליונה" (ועיי"ש שאין זה סתירה לענין הבחירה, כי ההשגחה אינה מכרחת את האדם) — הם בשביל העלי' שלאח"ז. ע"ש בארוכה.

*) ולהעיר שלהנוהגין ללמוד פרקי א־בות „כל שבתות הקיץ" (סדור אדה"ז. וראה לקו"ש ח"ז ע' 175 הערה 2) — ברוב השנים לומדים פרק זה בש"פ קרח.

פון עליונים ותחתונים (אַז אויך די אידן וואָס זיינען פאַרנומען מיט עניני העולם, גיבן אָפּ פון זייערע „ערשטע" און „בעסטע" צום אויבערשטן) — וואָס קומט צום אויסדרוק אין מתנות כהונה — זאָל זיין פיל שטאַרקער ווי ס'איז געווען פאַר מחלוקת קרח.

און דאָס איז דער ביאור השייכות פון פרשת „ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומתי" צו דער פרשה פון מחלוקת קרח — כאָטש אַז, לכאורה, זיינען זיי צוויי הפכים (כנ"ל ס"ב) — ווייל אדרבה: די כוונה און תכלית פון מחלוקת קרח איז, אַז דאָס זאָל צו־ברענגען צו „ואני הנה נתתי לך גו'"*[36].

און דאָס איז אויך דער טעם פאַר־וואָס די סדרה בתורה הייסט מיטן נאָמען „קרח" — הגם אַז „קרח" (מלשון „קרחה", מחלוקת) איז היפך פון ענין התורה — ווייל די כוונה פון תורה — וואָס „ניתנה לעשות שלום בעולם" (מאַכן (אַ נייע זאַך) — שלום) — איז, אַז אויך „קרח" זאָל ווערן תורה; אויך פון מחלוקת און „קרחה" זאָל ווערן שלום — און ווי גערעדט פריער (ס"ו) אַז אויך לאחרי מ"ת איז פאַרבליבן די התחלקות צווישן „עליונים" און „תחתו־נים", ואדרבה: דאָס איז דער אויפטו פון תורה, אַז אויך „תחתונים", ווי זיי זיינען אין דער דרגא און דעם מצב פון „תחתונים", זאָלן זיין פאַר־בונדן מיט „עליונים".

ח. ע"פ כל הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות פון פ' קרח מיט ג' תמוז, ווען יהושע האָט געזאָגט „שמש בגבעון דום":

בעת יהושע האָט געזאָגט „שמש בגבעון דום" האָט דער שמש צו אים גע'טענה'ט: „אתה אומר שאדום ומי אומר קילוסו של הקב"ה", האָט יהושע געענטפערט: „שתוק ואני אומר"[37].

ולכאורה, דער שמש מיט זיין טענה „ומי אומר קילוסו של הקב"ה" האָט דאָך געמיינט [ניט אַז אויב ער וועט שוויגן, וועט קיינער ניט זאָגן „קילוסו של הקב"ה" — ווארום אויך די אַנ־דערע נבראים זאָגן שירה צום אויבערשטן — נאָר ער האָט געמיינט] אַז בשעת ער וועט שוויגן, וועט קיי־נער ניט זאָגן דעם קילוס פון אויבערשטן, וואָס דריקט זיך אויס דורכן (הילוך פון) שמש. היינט וואָס האָט אים יהושע געענטפערט „ואני אומר": די שירה פון יהושע דריקט דאָך ניט אויס אָט דעם קילוס?

נאָר דער ביאור בזה איז:

אין (שבחו ו)קילוסו של הקב"ה, זיינען בכלל פאַראַן צוויי ענינים[38]:

דער שבח פון אויבערשטן וואָס אַלע נבראים זיינען ניט משנה תפקידם און פירן זיך כסדר אין דעם אופן ווי דער אויבערשטער האָט זיי איינ־געשטעלט — „לא ישבותו"[39]: און אין דעם גופא, ווערט דורך יעדער נברא אויסגעדריקט אַ באַזונדער שבח.

און דער שבח פון אויבערשטן וואָס אידן זיינען אים משבח — שירת ה־נשמות[40] — מיט ענינים וואָס זיינען העכער פון דער בריאה.

---

*36) ראה גם לקו"ש חי"ח ע' 221 ואילך.

37) ילקו"ש יהושע רמז כב.

38) ובדוגמת מ"ש העקידה שער לח בתחלתו (הובא ונתבאר בד"ה החודש תר־נ"ד. תרס"ו ועוד) שבשני אופנים יכולים לידע גדולת הבורא: ע"י הנהגת הטבע וע"י הנהגה ניסית.

39) נח ח, כב.

40) ראה לקו"ת ברכה צח, א.

וואָס די צוויי סאָרטן שבח זיינען בדוגמת די צווייערליי עבודות פון בעלי עסק און יושבי אוהל:

די עבודה פון בעלי עסק, וואָס זייער ענין איז צו ממשיך זיין אלקות אין עניני עולם (אָבער דער אור וואָס ווערט נמשך דורך דער עבודה, וואָס באַשטייט אין מברר זיין דברי הרשות, איז אַן אור מצומצם לפי ערך ה־בריאה [41]) איז בדוגמת קילוסו של הקב"ה וואָס דריקט זיך אויס דורך הנהגה טבעית; און די עבודה פון יושבי אהל, וואָס זיינען אָפּגעזונדערט פון וועלט און פאַרנעמען זיך מיט לימוד התורה וואָס קדמה לעולם [42] — בדוגמת שירת הנשמות.

איז כשם ווי בעלי עסק, כאָטש אין זייער עבודה איז דאָ אַ מעלה לגבי דער עבודה פון יושבי אוהל (דערמיט וואָס זיי זיינען ממשיך אלקות אין וועלט גופא), פונדעסטוועגן דאַרף ביי זיי זיין דער „יעלו לעליונים", אַז לפעמים דאַרפן זיי זיך אָפּרייסן פון עבודת הבירורים און פאַרנעמען זיך מיט תורה, און דוקא דורך דעם פירט זיך אויס דער תכלית און די שלימות פון עבודת בעלי עסקים גופא,

עד"ז איז אויך בנוגע צו דער הנהגה טבעית, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס „קילוסו של הקב"ה" וואָס דריקט זיך אויס דורך הנהגה טבעית האָט אין זיך אַ מעלה לגבי שירת הנשמות, דערמיט וואָס די הנהגה ווייזט ווי אויך נבראים („תחתונים") זיינען ניט משנה את תפקידם, פונדעסטוועגן, דאַרף זיין לפעמים דער ביטול פון הנהגת הטבע; און דורך דעם וואָס טבע ווערט נתבטל צוליב אידן, און אידן זיינען משבח דעם אויבערשטן אויף די ניסים [43] וואָס ער טוט מיט זיי („שמש בגבעון דום") — דורך דעם ווערט נתגלה די פנימיות און תכלית פון הנהגת הטבע גופא, עס ווערט נשלם (מל' שלימות) דער קילוס פון שירת השמש [44].

ט. כשם ווי ביים נס פון „שמש בגבעון דום", אע"פ אַז בחיצוניות איז דאַן נתבטל געוואָרן די טבע פון מהלך השמש, פונדעסטוועגן האָט זיך דורך דעם דורכגעפירט דער תכלית און די שלימות פון טבע השמש גופא, כנ"ל,

עד"ז איז אויך אין דעם נס ביום ג' תמוז תרפ"ז, אַז צוזאַמען דערמיט וואָס ער איז געווען אַ נס גלוי שלמ־עלה מהטבע, האָט ער אָבער געהאַט אַ ווירקונג אין דער טבע גופא, אַז אויך זי האָט „מסכים" געווען צום נס,

און ווי שוין דערציילט כמה פע־מים [45], אַז די זעלבע מענטשן וואָס האָבן דעם רבי'ן פאַרשפאַרט אין תפי־סה, האָבן זיי גופא (פאַרבלייבנדיק בתקפם) געמוזט אים באַפרייען.

---

41) ראה בארוכה ד"ה וירד תרס"ב וד"ה בראשית ברא תש"ה פ"ל, שהבירור שמדברי הרשות מגיע רק בבחי' „לבוש מלכות", ודוקא ע"י המצות ממשיכים מבחי' „כתר מלכות" (וראה גם תו"א צא, סע"ב. שערי אורה סד, א).

42) שבת פח ב.

43) ראה מדרש תהלים ע: עשה עמהם (נפלאות) אלא בשביל שיהיו מזכירים נפ־לאותיו.

44) ראה לקו"ש ח"ו ע' 92 ואילך בפירוש „וישב הים לאיתנו — לתנאו" — שע"י שקיים הים את תנאו (אף שע"ז נתבטל הוא ממציאותו), ע"ז דוקא בא הוא „לאיתנו". ע"ש.

45) ראה גם לקו"ש ח"ד ע' 1066.

— ואדרבה: דאָ האָט זיך אויסגע־דריקט דער „חיבור עליונים ותחתו־נים" נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי ביי „שמש בגבעון דום", וויבאַלד אַז אויך בעת השחרור זיינען זיי נאָך אַלץ געווען בתקפם ומצד תקפם (במשרתם) האָבן זיי געקענט הייסן באַפרייען (ניט ווי ביי „שמש בגבעון דום", וואָס בעת דער נס האָט פּאַ־סירט איז בטל געוואָרן די טבע הי־לוך השמש).

י. נאָך אַן ענין אין דעם: אויך די דרגא פון „תחתונים" איז בשנת תרפ"ז געווען שלא בערך נידעריי־קער: די דרגת ה„תחתונים" פון הילוך השמש איז דאָך אַן ענין פון „קילוסו של הקב"ה". משא"כ די וואָס האָבן אַרעסטירט דעם רבי'ן פאַר זיין אַר־בעט אין הרבצת התורה וחיזוק היה־דות, האָבן דאָך געטאָן אַן ענין פון היפך הקילוס — ואעפ"כ האָבן אויך זיי שפּעטער אַרויסגעהאָלפן אין זיין שחרור (זייענדיק בתקפם)[46].

46) להעיר מהידוע (ד"ה כי מנסה תש"ת. נתת ליראיך תשי"א. ובכ"מ) בענין ההפרש שבין בירורים לנסיונות, שניצוץ שבנסיון, מכיון שנפל למטה כ"כ עד שהוא מנגד לאלקות, א"א לבררו (ולכן אופן העבודה בנסיונות הוא בדרך דחי׳)

וזהו החידוש* שבהנס דג׳ תמוז (וי"ב תמוז), שגם המנגדים גופא — ע"י הני־צוצות שבהנסיונות — הוכרחו לסייע בה־שחרור וגאולה.

*) בדרמ"צ (קפו, ע"ב). שע"י הצער שהקליפה מצערת אותו, מוציא הטוב שבה־נסיון ונהפך לטוב ממש. ע"ש. אבל הפיכת הנסיון לטוב שבדרמ"צ שם הוא רק בנוגע להאדם, אבל בנוגע להנסיון עצמו הוא בדרך דחי׳. משא"כ בנדו"ד, שהם עצמם (וע"י תוקף שלהם) סייעו בהשחרור.

ועפ"ז איז פאַרשטאַנדיק, ווי דער נס פון ג׳ תמוז תרפ"ז, האָט נאָך אַ גרעסערן רמז (שייכות) צו פ׳ קרח ווי דער נס פון „שמש בגבעון דום". ווייל אויך „ויקח קרח" איז געווען אַן ענין פון היפך הקילוס (ניט ווי „ויעש אלקים את הרקיע" המבדיל — עס איז באַשאַפן געוואָרן פון אויי־בערשטן) — און אעפ"כ, האָט אויך דער „ויקח קרח" צוגעבראַכט צום עילוי פון „ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומתי", ביז אַז פון „קרח" ווערט אַ סדרה אין תורה.

יא. די הוראה פון כל הנ"ל בע־בודתינו איז:

ווען מען זעט אַמאָל ענינים וואָס זיינען מונע ומעכב צו עבודת ה׳, סיי ווען די מניעות ועכובים זיינען מצד הטבע וואָס דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט אין דער בריאה (ב־דוגמת טבע הילוך השמש, וואָס האָט געשטערט יהושע'ן דורכפירן דעם נצ־חון המלחמה), און אפילו אַזוינע מני־עות ועיכובים וואָס ווערן געשאַפן דורך מעשה בני אדם (בדוגמת ווי ס'איז געווען בשנת תרפ"ז),

דאַרף מען וויסן, אַז אַלע מאורעות וואָס פּאַסירן אין וועלט קומען פון אויבערשטן, ובמילא איז ניט שייך אַז זיי זאָלן טאַקע באמת מנגד זיין ח"ו צו עבודת ה׳, ס'איז בלויז „כי מנסה הוי׳ אלקיכם אתכם לדעת"[47], בכדי אַז דורך די נסיונות זאָל צוקומען אַ תוספת חיזוק און עלי׳ אין עבודת ה׳,

און בשעת דער ענין איז אָפּגעלייגט

47) ראה יג, ד. וראה לקו"ת ראה יט, ג. דרמ"צ קפו, א ואילך. ד"ה כי מנסה שם. ועוד.

מיט אַן אמת, דאַן דערזעט מען סוכ״ס, אויך בעיני בשר, דעם תוספות אור וואָס קומט צו דורך די העלמות והס־תריב — און ווי דער רבי איז מסיים אין דער רשימה פון ג׳ תמוז [48] — „ולכל בנ״י יהי׳ אור ברוחניות ובגש־מיות״ [49].

(משיחות ש״פ קרח, ג׳ תמוז, תשח״י ותשכ״ד)

48) נדפסה בסה״מ קונטרסים ח״א — קונט׳ יד בתחלתו. לקו״ד ח״ד ליקוט לז בסופו.

49) שגם בגשמיות יהי׳ אור כמו ברוחניות — היפך „ואתפלג קרח״, הפרדת הרוחניות מהגש־מיות. (ולהעיר מהמבואר לעיל ע׳ 113 הערה 80 דיוק הלשון (במדב״ר פי״ח, ד. רש״י טז, ה) „להפוך את הבוקר לערב״).

ולהעיר שגם התחלת הרשימה הנ״ל „יהי ה״א עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו״ שייכת לענין זה, כי בחי׳ רקיע המבדיל (ואתפלג קרח), היא דוגמת הפרסא המפסקת בין מוחין למדות והבקשה „יהי ה״א עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו״ היא שלא יהי׳ הפסק בין ה־מוחין [שנק׳ „אבותינו״ (תניא רפ״ג. ובכ״מ)] להמדות (ראה ד״ה יהי ה״א תש״י בסופו).

# חקת

א. אין אָנהויב פון דער סדרה, איז רש״י מעתיק פון פסוק די ווערטער „זאת חקת התורה״, און איז דערויף מפרש: „לפי שהשטן ואומה״ע מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת (לכם [1]) ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חקה, גזירה היא מלפני אין לך רשות להרהר אחרי׳״.

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) פון רש״י׳ס לשון „לפיכך כתב בה חקה״ איז משמע, אַז רש״י איז דאָ אויסן

(ניט צו מבאר זיין דעם טייטש פון וואָרט חקת — ווארום רש״י האָט שוין דעם וואָרט אָפּגעטייטשט פריער און אין מערערע ערטער [2]; און מ׳קען ניט זאָגן, אַז וויבאַלד דעם פי׳ הנ״ל האָט ער געשריבן אין די פריערדיקע ספרים איז דעריבער נויטיק דאָס צו איבער׳חזר׳ן נאָכאַמאָל — וואָרום אין דעם ספר במדבר גופא שטייט שוין פריער [3] דער וואָרט „חקה״ און רש״י איז אים דאָרט ניט מפרש. וואָס דער־פון איז מובן, אַז רש״י פאַרלאָזט זיך אַז דער תלמיד האָט ניט פאַרגעסן דעם טייטש פון חוקה פון איין ספר צום צווייטן [4] — נאָר)

צו באַוואָרענען די איבעריקייט פון וואָרט חקת: עס האָט דאָך געקענט שטיין „זאת התורה״ [5] — צוליב וואָס „כתב בה חקה״?

איז עפ״ז ניט מובן: וויבאַלד אַז דעם פי׳ פון חקה ווייס שוין דער תל־מיד, האָט דאָך דאָ רש״י געדאַרפט זאָגן בקיצור „לפי שאין בה טעם לפיכך כתב בה חקה כו׳״, בכדי צו פאַרענט־פערן די שווערקייט פון צוגעגעבענעם וואָרט „חקת״. צוליב וואָס די גאַנצע אריכות הדברים „שהשטן ואומה״ע כו׳״ וועלכע זיינען שוין (לכאורה) פריער געזאָגט געוואָרן — וכמה פעמים — בפירושו?

ב) נאָך שווערער איז די קשיא דער־מיט וואָס אין זיין פי׳ אויף אונזער פסוק זיינען פאַראַן שינויים אין לשון לגבי זיין פי׳ אין די פריערדיקע סדרות: (א) אין די פאַריקע סדרות זאָגט רש״י דעם לשון „יצר הרע״ און אין אונזער פסוק „שטן״; (ב) דאָרטן שרייבט ער „משיבין״ [6] אָדער „מקנ־טר״ [7], און אין אונזער פסוק — „מונין״. (ג) אַנשטאָט דעם לשון „אי אתם רשאים להפטר״ [8] וואָס שטייט פריער — זאָגט ער דאָ „אין לך רשות להרהר אחרי׳״?

ג) פון רש״י׳ס פאַרענטפערן „לפיכך כתב בה חקה״, איז מוכח כנ״ל, אַז

1) גירסא זו נעתקה בד״ה הוי׳ לי בעוזרי תרפ״ז (נעתק לקמן סעיף ח׳).

2) ראה תולדות כו, ה. בשלח טו, כו. אחרי יח, ד. וראה גם קדושים יט, יט.

3) בהעלותך ט — ג, יב, יד. שלח טו, טו.

4) ומה שהוזקק לפרש בבשלח שם — מובן ע״פ מ״ש לקמן הערה 15; בפ׳ אחרי — נתבאר בשיחת ש״פ אחרי תשכ״ז.

5) וכמו בפרשתנו יט, יד. ובכ״מ (ראה הערה 9).

6) תולדות שם. אחרי שם.

7) בשלח שם. — הטעם לזה, ראה לקמן הערה 31.

8) אחרי שם.